STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12280

# SHALOM ASH

Nachman Mayzel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ ח מ ן  מ י י ז י ל

# ש ל ו ם  א ש

(פינף און צוואַנציק יאָר שאַפן)

B. STEIN
1412-34TH AVE.
SEATTLE, WN.

פ א ר ל א ג  ב.  ק ל ע צ ק י ן,  ו ו א ר ש ע
1 9 2 6

Printed in Poland.

Nachman Majzel — S Z O L O M  A S Z
Wyd. B. Kleckin, Warszawa, 1926
..:.. Druk „Hacefira", Leszno 54. ..:..

# שלום אש

א.

עס איז געווען צוריק מיט 25 יאָר, אין האַרבסט 1900. אין איינעם א שבת נאָכמיטאָג, איז א פראווינצער בחור, קוים 20 יאָר אַלט, צוגעקומען אין ווארשע צו צעגליאַנאַ נומער 1. געגאַנגען איז דער בחור צו י. ל. פרץ, מיט א פּאָר יידישע געשריבענע מעשיות אין טאש. ווען דער יונגערמאַן איז אַריין צו פרצן אין שטוב, האט ער דארט געטראָפן יעקב דינעזאן, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג און אויך דעם רעדאַקטאר פון דעם דעמאלסדיקן זשורנאל „דער יוד״ — דר. י. לוריא.

דער פראווינץ־בחור האט גענומען לייענען זיינע מעשיות, און ווי ער האט געענדיקט, האט פרץ גענומען ביי אים דעם כתב־יד און איבערגעגעבן דעם דר. לוריא:

— נעמט און דרוקט עס אָפּ אין אייער צייטונג!

און טאַקע גלייך נאָך דעם, אין נומער 48 „יוד״, פון 2־טן נאוועמבער 1900, איז געווען אָפּגעדרוקט א סקיצע „משהלע״, וואס האט זיך אנגעהויבן אט ווי אזוי: „די רויטע, שענע הימלען פלעגן ביי זייער אונטערגיין שטענדיק מאַכן משהלען פארקלערט: נאר אפט פלעגט ער זיינע געדאַנקען פאַריאגן מיט שפּילן זיך „אין פערד און וואָגן״... געווען איז משהלע א שיין יונגל מיט רויטע בעקלעך, שוואַרצע הערלעך, רויטע ליפּעלעך, בלישצענדע שוואַרצע אויגעלעך״...

אונטער אט דער סקיצע איז געווען געחתמעט שלום אש.

אין א צוויי נומערן שפּעטער, אין „יוד״ נומער 50, איז אָפּגעדרוקט דעם זעלבן שלום אַשס צווייטע זאַך: „דער זיידע

מיטן חנוכה־לייכטערל״. אין דעם קומענדיקן 1901־טן יאָר זענען שוין אין „יוד״ געווען געדרוקט עטלעכע שלום אַשס ערציילונגען: שלוחים, די ערשטע סדר־נאַכט, געלט מאַכט פאר אן אָרנטלעכן מענטשן, מאָמעלע, ביים ברעג פון דער ווייסל, א מתנה אונזערע דיכטער. —

דאס זענען געווען די ערשטע ליטעראַרישע טריט פון שלום אַשן אין דער יידישער ליטעראַטור. גלייכצייטיק האט אש געדרוקט אין דעמאָלסדיקן העברעאישן „הדור״ און אין „הצפירה״. און אינטערעסאַנט: אין דעם פּראָספּעקט פון דעם „יוד״ נומער 50, 1901, צווישן די אַלע אויסגערעכנטע שרייבער, וואָס אַרבעטן אין „יוד״, איז שלום אַשס נאָמען נאך נישטאָ. משמעות, מען האט נאָך אַלץ געהאַלטן אַשן פאר אַן אָנפענגער.

די ערשטע פאָר יאָר האט שלום אַש דער עיקר געשריבן קליינע דערציילונגען, פסיכאָלאָגישע עטיודן, קורצע שילדערונגען און מאמענטאלע איינדרוקן. עס איז נאך אַלץ געווען די אַ. ג. „קליין קונסט״: שטיקלעך און ברעקלעך, מיט וואס די יידישע ליטעראטור איז דעמאָלסט געווען פארפלייצט. אבער די קליינע זאכעלעך פון שלום אש האבן זיך שוין דאָך אויסגעטיילט פון דעם גאנצן המון־סקיצן און נאוועלעכלעך. זיי האבן שוין געטראגן דעם חן און די צארטקייט, די פארליבטקייט און די ראָמאַנטישקייט, וואס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאר אַשן. צוגלייך אבער מיט די ליב־הארציקע שילדערונגען און געזונט־קרעפטיקע מאָטיוון, איז אין די ערשטע אַש־דערציילונגען געווען פיל טרויער, נידערגעשלאָגנקייט און אָפּהענטיגקייט.

אין 1902 איז ארויס שלום אשס ערשטעס ביכל בילדער און דערציילונגען אונטער דעם טרויעריקן נאָמען: „אין א שלעכטער צייט״ (ווארשע, פארלאַג „פּראָגרעס״)

וועגן דעם דאזיקן ביכל האט דער יונגער דאן בעל־מחשבות אין אן ארטיקל „נייער טאלאנט״ (זע — בעל־מחשבות — „געקליבענע שריפטן״, ערשטער באנד, ז׳ 133 — 137) געשריבן צווישן אנדערש: „אין אַ שלעכטער צייט איז

דאס ביכל געשריבן געוואָרן, אין פּיין און עגמת־נפשן, ווען עס ווילט זיך עפּטער ווייגען ווי לאַכן, ווען דאס קאָפּעלע נחת ווערט פאַרטרונקען אין אַ תּהום פון אומעטיקייט און האַרצ־קלעמעניש"... „איטלעכע מעשה, איטלעך בילד פון די 12 זאַכן אין ביכל, לאָזן איבער אַ טרויעריקייט אין לעזערס האַרץ"... גאָר קברים פאַרבינדן דעם יידן מיט דער ערד, מיט וועלכער ער איז נישט צונויפגעוואַקסן"...

און ווייטער:

„שלום אש קוקט אויף גאָטס וועלטל מיט די אויגן פון אַ יידישן יתומל: אַמאָל זעט ער אין גאָטס וועלטל די פאַרלוירענע מאַמע, — אַמאָל זיך אַליין, זיין אייגענע קינדערשע נשמה".

אַזאַ מין טרויעריקן, נידערגעשלאָגענעם איינדרוק האָט גע־מאַכט שלום אַשס ערשט ביכל אויף דעם עמפּינדלעכן בעל־מחשבות; אַט דאָס איז געווען דער אָנזאָג וועגן דעם נייעם טאַלאַנט.

עס איז אַ באַזונדערע און אַ גאַנץ־שווערע אויפגאַבע צו דער־גיין די שפּורן פון דעם אומעט און טרויער, וואָס האָבן באַ־הערשט שלום אשן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן. וועגן דעם קען אונז דערציילן אַש אַליין, אָדער זיינע נאָענטע חברים פון יענער צייט. און ווער ווייסט, צי וואָלט טאַקי שלום אַש, דער נייער קרעפּטיקער טאַלאַנט, נישט אונטערגעבראָכן געוואָרן אונטער דער שווערער משא פון אָט דעם טרויער און אָפּהענ־טיגקייט, ווען נישט דער געוואַלדיקער חיות און קוואַל פון לעבן, וואָס האָט געשלאָגן אין אים און געטריבן אים אין דער ברייט און אין דער ווייט, אויסער די טרויעריקע ד' אמות פון איינ־זאַמען יידישן אינטעליגענטישן שטיבל פון יענער צייט.

אָבער ס'איז קלאָר און עס פאָדערן זיך נישט קיין ספּע־ציעלע באַווייזן, אַז די כאַראַקטעריסטיק פון בעל־מחשבות זעט אויס איצט עפּעס פרעמדלעך און כלל נישט צוגעפּאַסט צו שלום אַשן און צו זיין דיכטעריש וועזן.

פאַר די עטלעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס שלום אַש שאַפט

האט ער באַוויזן גאר אַנדערע אייגנשאַפטן פון זיין טאַלאַנט, גאר אנדערע מאטיוון און טענער, — וואס זענען אינגאַנצן סותר די דערמאנטע כאראקטעריסטיק. שלום אַש דער פריידפולער, לעבנסלוסטיקער, קרעפטיקער און באָדנפעסטער דיכטער, איז לגמרי ווייט פון „אומעטיקייט און האַרצקלעמעניש", און אויף גאָטס וועלט קוקט ער נישט ווי א יידיש יתומל, נאר אדרבא ווי א געזונטער מענטש מיט א ברייט האַרץ און ברייטן פארנעם נעמט ער אויף דאס יידישע לעבן.

שלום אַש אבער איז זיך צעוואַקסן ערשט שפּעטער און אין דעם זין איז פאַראן אן ענלעכקייט צווישן שלום אַשס ערשטע ליטעראטישע טריט מיט ח. נ. ביאַליקס. אויך יענער האט די ערשטע יאָרן אויסגעדרוקט פרעמדן טרויער, אויסערע נידערגעשלאָגנקייט. שלום אַש איז אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן געווען צוגעשמידט צו דער אָרעמער ווירקלעכקייט, צו טרויעריקע בילדער, צו איינזאמע איינצלנע מענטשן, וואס האבן געהאט ארום זיך „אלערליי פּיין און עגמת־נפש", ער האט זיך גענומען צו שילדערן אט די טרויעריקע בילדער, בעת ער אליין האט אין זיך פארמאָגט חיות און קראַפט, פרייד און לעבנסלוסט.

אין אט דער סתירה פון פרייד און טרויער, פון קראפט און פּיין, פון לעבנסלוסטיקייט און הארצקלעמעניש האט זיך שלום אש געפּונען די ערשטע יאָרן.

שלום אַש איז געקומען קיין ווארשע פול אָנגעלאָדן מיט מונטערקייט פון זיין געזונט און קרעפטיק שטעטל קוטנע. אין יענער צייט איז י. ל. פרץ מיט זיינע מקורבים געווען פארטון אין זאמלען פאָלקס־לידער, פאלקס מעשיות, פאלקס־מאטיוון. פרץ האט דאָך אָנגעצונדן הערצער און נשמות און גע־שפּרייט אַרום זיך יום־טוב און נשמה־יתרה־שטימונג און אש איז גלייך געוואָרן אנגעשטעקט פון דער שטימונג. דאס פּיל מיר אין אייניקע זאכן, וואָס אש האט געשריבן אין יענער צייט אבער גלייכצייטיק מיט דער דערהויבונג האָבן געהערשט

ארום און אַרום אין יידישן לעבן טרויעריקע מעשים, אפהענטיקייט און אפגעלאזנקייט. אויסער דעם פייערלעכן טאָג שבת האבן זיך געצויגן זעקס וואכן־טעג מיט טאָג־זארגן, מיט דאגות־פרנסה, מיט אָרעמקייט פון דעם האָרעפּאַשנעם ייד און פון דעם יידישן אַרבעטער און האַלב־אינטעליגענט, וואס האָט שווער זיך גע־ראַנגלט פאר זיין לעבנס־עקסיסטענץ. ארום דער פרצישער ראָ־מאנטיק, וואס איז געווען אדורכגענומען מיט דער יידישער נשמה־יתרה, מיט דער יידישער איבער־וועלט האט געהערשט דער וואָכעדיקער, ניכטערער, גריבלענדיקער רעאליזם פון א. רייזען און ה. ד. נאמבערג. פרץ האט געשפונען די בונטע שטראלנדיקע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשיות, רייזען און נאמבערג האבן געגעבן רעאלע טרוקענע שילדערונגען פון פאָלקס־מענטש און יידישן יונגערמאַן אין זייער שווערן גורל פון נישטיקן לעבן אין דער פארפרעמדטער גרויסער שטאט.

און אט די צוויי באזונדערע עלעמענטן האָבן זיך גע־ראַנגלט אין אַשס שאפן אין די ערשטע יאָרן. און די לאַסט פון דעם געראנגל פילן מיר אויף אשס שאַפן אין די ערשטע יארן פון זיין ליטערארישער טעטיקייט.

נאר אינגיכן אבער האט אַש זיך אָפּגעטרייסלט פון די טרויעריקע בילדער און געשטאלטן, פון די טרוקענע, בלוטלאָזע טיפּן, וואס זענען אין תוך דאך פרעמד זיין געזונטן און מונטערן כאראַקטער.

ער איז צוגעפאלן צו דער „מאמע־ערד", אריינגעזויגן אין זיך איר זאפט און קראפט, זיך באהעפט צו די קרעפטיקע, ווילדע יונגען פון קוילער־געסל, איז באשטראלט געוואָרן פון דער אידילישער, שטעטלשער פאטריאכאלישער שיין. שוין אין די יארן 1903 — 1904 האט אש אנגעהויבן צו שאפן די שטראלנ־דיקע, קרעפטיקע נאוועלן און דערנאך אויך זיין שפעטער בא־רימט־געוואָרן „שטעטל", וואו ער האט געגעבן קערנדיקע פאר־וואָרצלטע טיפּן, וואס זענען ביז אים אין דער יידישער ליטע־ראטור נאָך נישט געווען. און אָט די שילדערונגען פון דער

נאטור און שטעטל־לעבן האָבן גלייך אוועקגעשטעלט שלום אַשן אויבן אָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור.

דער קורצער הקדמה־אריינפיר פון שלום אַש אין זיין „שטעטל" איז נישט־נאטירלעך און פרעטענציעז. אש קומט ניט צום שטעטל ווי אַ פ ר ע מ ד ע ר, ז ײ ט י ק ע ר אורח. אדרבא, ער שטאמט פ ו ן שטעטל און גייט פ ו ן דאָרט. ס'איז נישט אַ באַאָבאכטונג פון אויבן־אַראָפ, נאר אַ דערפילונג פון א י נ ע ו ו י נ י ק, אן אויס־געזינגען ליד, אַ פאַעמע פ ו ן טיפענישן פון אייגענעם הארץ. אין שטעטל ליגט אַשס סטיכיע, זיין נשמה, און פון דאָרט קומט ער טענדיק און אויך שפעטער זיין יניקה.

אש אבער איז נישט פארבליבן זינקען און זינגען אין שטעטל. ער איז באַשאָנקען פון דער נאטור מיט אַ זעלטענער עמפינדלעכקייט, וואס צינדט אים אָן אָן אויפהער און לאָזט אים נישט רוען אויף איין אָרט. איין אָנרעגונג רייצט ביי אים די צווייטע, איין געפיל שטעקט אן דעם אנדערן, און זיין שעפעריש ווען האלט אין איין ברויזן און קאָכן. מיט דער גאַנצער עשירות פון האַרמאָניע, לירישקייט, סענטימענטאַלקייט, וואָס ער פאַרמאָגט, קאָן ער דאך נישט ביישטיין פון איינדריקן, השפעות, אָנרעגונגען פון לעבעדיקן לעבן, און דאס טרייבט אים פון זיין אינערלעכער שרייבערישער „נאָרע" אין דער ברייטער וועלט פון אידעען, איבערלעבונגען, צוזאמענשטויסן און קאָנפליקטן, וואָס קומען־פאָר אין שטחים, צענטרען, צייטן און געגנדן, וואָס זענען אויסער אים. און אָט דער ס ו ב י ע ק ט י ו ו ס ט ע ר שרייבער, וואָס לעבט אומבאַדיגט שטענדיק אליין איבער דאס, וואס ער באַשרייבט און שילדערט, איז דאך מיט דער צייט געוואָרן אַ ראָמאַנען־און דראַמען־שרייבער, וואו עס זענען דאָ פיל אָ ב י ע ק־ט י ו ו ע און זייטיקע עלעמענטן.

II

גאר גיך, אין פאַרלויף פון א פיר־פינף יאָר, דרייט זיך שלום אַש אַריין אינם קאראהאָד פון יידישן און נישט־יידישן

געזעלשאַפטלעכן און קינסטלערישן לעבן, רעאַגירט מיט לייב און לעבן אויף די וויכטיקסטע פּאַסירונגען פון דערווירקלעכקייט, און פון דאַן אן איז שוין שלום אַש דער אומרו, מיטגייער און מיטבאגלייטער פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין אַלע אירע קרומע און גלייכע וועגן. און די גאַנצע לעצטע צוואַנציק יאר האט אַש אזוי אדער אנדערש געפּרובט צו פאַרקערפּערן אט דעם זיגזאַגן־וועג פון יידישן לעבן אין זיינע פאַרשיידנארטיקע ווערק, — אין די נאָוועלן, דראַמען, ראָמאַנען און אויך אַר־טיקלען.

פון א סקיצן־שרייבער און נאָוועליסט איז שלום אַש געוואָרן דער יידישער שרייבער. איבעררעכענענדיק בקיצור נאָר די הויפּט־ווערק לויט די יאָרן, ווען זיי זענען געשריבן געווארן, באַקומען מיר גלייך א גענויע פאָרשטעלונג פון שלום אַשס פּאַר־נעם, פון זיין ברייטקייט, פון זיין פילזייטיקייט. גאנצע תקופות האט ער גענומען אָפּצושפּיגלען אין זיינע ווערק; לענדער און געגנדן, שיכטן און טיפן: „א שטעטל" (געשריבן אין יאָר 1904), די דראַמע „מיטן שטראָם" (1904), — אין העברעאישן „יצא וחזר"), „משיחס צייטן" (1906), „גאָט פון נקמה" (1907), „שבתאי צבי" (1908), „מאָמענטן" (1909), „אַמעריקע" (1910), „מערי" (1911), „ארץ־ישראל" (1912), „דער וועג צו זיך" (1913), „חורבן פוילן", „שנירעל פּערל" (1915), „מאָטקע גנב" (1917), „קידוש השם", כּישופמאַכערין" (1920), מאראנען" (1922), „די מוטער" (1923) „טויט־אורטייל" (1924). און דאס זענען דאך נאָר די גרעסערע ווערק; ווען מיר נעמען די הונדערטער קלע־נערע זאכן און די אַלע דראמעס און ארטיקלען און ציִען די די פעדים, וואָס געפינען זיך צווישן דעם לעבן מיט די ווערק, — באַקומען מיר דאן אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנט בילד, ווי גרויס עס איז געווען די פאַרבינדונג פון אַשן מיטן קאָנקרעטן לעבן. אין איין ווערק האבן מיר די אלגעמיינע שטימונגען, דעם גענאַנג פון דער צייט. אין אַ צווייטן — האבן מיר פּראָבלעמען, לעבנס־סיטואציעס, אידעען־געראַנגל, ווי זיי ווערן פאַרקערפּערט אין

לעבעדיקע מענטשן, טיפן; דאָ געפינען מיר דעם ווייטן אָפּקלאנג, דעם אָפּהילך פון דער איצטיקער צייט אין די געשיכטלעך־אויפ־געבראכטע עראינערונגען־ראמאנען. און דערצו: וואו דאס יידישע לעבן שלאָגט וואָרצלען אין נייער ערד, אין נייעם באָדן, דארט גראָבט זיך שוין שלום אַש און נעמט זיך ארויסצוברענגען פון דארט נייע מענטשן, נייע פּאַסירונגען, נייע לעבנס־האַנדלונג.

און עס איז געוויס קיין צופאל נישט, וואס וועגן שלום אַשן הערשן אזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע, סתירותדיקע מיינונגען. און נאך מער: ס׳איז גאָר קיין חידוש נישט, וואס א יעדער איינער האט צו אַשן אַ פאַרשיידנארטיקע און זיך־טוישנדיקע באַציהונג: אָט גאר א פּאָזיטיווע, א באַגייסטערטע, און באלד — אַ נעגאטיווע, א צוריקגע־האלטענע. ס׳איז דערפאר, וואס שלום אש אַליין איז פול מיט סתירות און ער אליין איז וויביק, גאר ווייניק אויסגעהאלטן און באשטענ־דיק. ער בייט זיך זייער אָפּט און טוישט זיינע פארבן און פאָרמען. און ס׳איז נישט קיין סימן ביי אים פון אינעווייניקסטער דלות און פוסטקייט, עס איז נישט סתם אַן אויסערלעכער קליידער־אויסטויש. עס איז די פאַרשיידנאַרטיקייט און פאַרשיידנפאַרביקייט פון גרויס אימפעט און עשירות, פון שטארקן איבערפלוס, פון ראַנגלענדיקע כוחות און השפעות. אַש איז שטראָמיק, עס זעצט פון אים פּאַ־טאס און ווילן און אומרו, און שליידערט אים פון איין שטח צום צווייטן, פון איין לעבנס־שטאָף צום אַנדערן. אין דעם שטאַרקן שטראָמען פארפלייצט ער אמת גאנץ אָפּט זיין אייגע־נעם איך, ער פארכאַפּט און פארפלייצט אויפן וועג זאכן און חפצים, וואָס זענען אים אליין ליב און טייער.

אבער דאס איז אַש. אָט אזעלכן דארפן מיר אים אויפנעמען, — אים אליין און זיין 25 יעריקן שאַפן, וואס האָט געהאַט וועגן און אומוועגן, וואס איז זיך צעגאנגען אין דער ברייט פון איצטיקן יידישן לעבן און אין דער טיף פון יידישער פארגאנגענהייט, וואס האט זיך איבערגעוואָרפן פון איין לאַנד צום צווייטן, פון איין יידישן קיבוץ צום אַנדערן.

קיינע צויטצן פון צייט און רוים, פון שאפונגס־

ווילן און שאפונגס־פאָרמען. און אויך קיינע צוימען און גרענעצן פון שפּראַך און סטיל.

ווייל אַ נאטור אזאַ. ער האט נישט געקאָנט זיצן און וואַרעמען און אויסוואַרעמען, צאַצקען און אויסצאַצקען דעם יידישן אַמאָל, ווי זיינע פאָרגייער.

איז דאָך מענדעלע מוכר ספרים געזעסן אַ דרייסיק יאָר אין דער גרויסער שטאָט אָדעס ביים שטורמישן שוואַרצן ים און אַלץ געהאַט פאַר זיך דעם גאנצן האַרמאָנישן קבצנסק מיט גנילאָפּיאַטאַוועס און אַלץ געכאָוועט די אַמאַליקע יידישע פאַרשוינען מיט זייער לעבנס־שטייגער און מיט אַלע זייערע פּיטשעווקעס. און האט דאָך דער געניאַלער שלום־עליכם מיטגעפירט זיין מנחם־מענדל מיט מאָטל פּייסי דעם חזנס אין דער גרויסער שטאָט אַריין און אים פאַרפירט אפילו קיין ניו־יאָרק. און דיביידע, פאַרבריינגענדיק אין דער שווייץ עטלעכע יאָר, האָבן נאָך אַלץ זיך געצערטלט מיט די כתרילעווקעס און טונעיאַדאָווקעס און מיט זייערע קליינשטעטלדיקע געמייזאַכצן. און פּרץ, דער גרויסער אומרו און צוימען־בּרעכער, האט דאָך געלעבט מער אין אבּסטראַקטער וועלט פון וויזיעס און פּראָבלעמען, געזען דער עיקר גילגולים פון ניגונים און פיר דורות — פיר צוואות אין אייגענעם ארום. שלום אַש אָבער האט עוקר געווען פון יידישלעכע ד' אמות, פון יידישער איצטיקער אַטמאָספער און זיך געלאָזט אין דער וועלט. אים האט מיטגעהאָלפן דאס, וואס ער איז נישט אזוי פעסט ווי די ערשטע דריי געווען פאַרוואַקסן און פאַרוואָרצלט אין יידישער ווירקלעכקייט, אין יידישן באָדן, און גרינגער איז אים געווען זיך אַוועקלאָזן אין ווייטן. דערצו, דאַרפן מיר געדענקען, האט זיך פאַר די לעצטע 20 יאָר אויך דאָס יידישע לעבן גופא אַ שטאַרקן רוק געטאָן פון זיין פאַרגליווערטקייט און גענומען רירן, באַוועגן זיך און לייכטער ענדערן זיינע גענגען און אייגנשאַפטן, און אָפּטמאָל זיך גענומען פּלאָנטערן און בּלאָנדזשען איבער אייגענע און

פרעמדע וועגן. און טאַקע אָפּטמאָל געווען ניט אויסגעהאַלטן און פול מיט סתירות און ווידערשפּרוכן.

און דער אימפּעטפּולער און מיטן לעבעדיקן לעבן פּאר־קניפּטער שלום אַש האט זיך דעריבער נישט געהאַלטן ביי זייגע וואָרצלען, און ער איז דורך דעם לעבן און דורך זיך אליין איבערגעזעצט געוואָרן אין לויף פון די לעצטע צען־פופצן יאָר אויף פארשיידענע באָדנס. אט אין ארץ־ישראל, אט אין אַמע־ריקע, אט גאָר אין מיטלאַלטער און ווידעראמאל אין פוילן און אָבער אמאָל אין אַמעריקע. און אט די „לייכטקייט" פון איבער־וואַנדלען און אָט דער טויש פון די שטאָפן האט געמוזט אַרויפ־לייגן זיין שטעמפּל אויף דעם כאַראַקטער און מאַניר פון אַשס שאַפן. עס פעלט דעריבער ביי אים קינסטלערישע השלמה, פאַרגאַנצטער סטיל און פאַרגאַנצטע פאָרם. ער איז פארכאַפּט פון געשעענישן, וואס יאָגן איינער דעם צווייטן, פון לעבנס, וואס האָבן זיך נאָך ניט אויטגעקילט, פון צוזאַמענשטויסן, וועלכע זיינען נאך נישט האַרמאָניזירט ווי ס'דאַרף צו זיין און פון שטאָף אויף שטאָף, וואס ליגט הויפּנווייז, נישט אינגאַנצן פונאַנ־דערגעטיילט און אָפּגעטיילט צופעליקעס פון עיקרדיקס. און דעריבער ליידן פיל פון אַשס ווערק פון צעפלאָסנקייט, פון צייטונגס־ארטיקעס אין נישט־אויסגעטראָגן. אָבער אַש און זיין שאַפן ווי קיין יידישער שרייבער נישט זיינען געבונדן מיט דעם איצטיקן יידישן לעבן, מיט דעם יידישן לעבן, וואס קומט־אויף און אַנט־פּלעקט זיך אָט־דא און אט דאָרט, מיט דעם יידישן לעבן, וואס בייט זיינע פאָרמען און אויסזען.

אשס שאַפן איז נישט גאָר איינהייטלעך, נישט פארגאנצט דורך און דורך, און איז פול מיט סתירות, מיט אינעווייניקסטע ליכט און שאָטן.

ווייל א נאטור אזא. ווייל א צייט אַזא.

---

און טאַקע מהאי טעמא גייט שלום אַש איבער פון איין

טעמע צו דער צווייטער, פון איין לעבנס־שטאָף צום אַנדערן. אָפטמאָל איז נישטא קיין סמיכת־הפרשיות צווישן איין ווערק און דעם צווייטן, וואָס ער שאפט כמעט אין איין און דער זעלבער צייט.

און דעריבער אויך שאַפט ער אין פארשידענע ליטעראַריש־קינסטלערישע פאָרמען. אָט שרייבט ער אַ פּאָעמע, — דאָס סובּיעקטיווע אויסלאָדעניש פון אינערלעכע שטימונגען, — און גלייך פאַרפאסט ער אַ דראַמע, וואו עס לעבן און האנדלען, טוען און ווירקן אין אָביעקטיווע לעבנס־סיטואַציעס פארשיידענע טיפּן און כאַראקטערן.

בכלל איז שלום אש פארוועבט און פארשפּינען אין טראַדיציע, אין קאנאָניזירטע נסחאות און הייליגקייטן. און יעדער קלאַנג רופט ביי אים אַרויס אָן אַ שיעור אָפּקלאַנגען פון אַמאָל, פון פארגאַנגענהייט, פון דורי־דורות לעבנס, שוין לאַנג פאַרוועלקטע און פארמצבהטע. ביים אָנבליק פון בילדער, שילדערונגען פון איצט, קומען־אויף ביי אים זעהונגען און געשטאַלטן פון אַמאָל. און פונקט ווי דער איצט שפּייזט אים אָן אויפהער, רעגט אים אָן צו שעפערישע קאָמבינאַציעס, אַזוי אויך איז די יידישע פארגאנגענהייט ביי אים אַ קוואַל, פון וואַנען ער שעפּט שטענדיק מיט פולע הויפנס, און ער קאָן זיך גאָר זאט נישט אָנזעטיקן.

און לייענען מיר אַשס היסטארישע ראָמאַנען: זיין „קידוש השם” און „כישופמאכערין פון קאסטיליען”, זיין וויניק־באקאנטע דראַמע „מאַראַנען”, זיינע איינדריקן פון די אַלטע יידישע שטעט אין דייטשלאַנד (אין באַנד „נייע ערציילונגען”) און די „בריוו פון שפּאַניען”, — זעען מיר, ווי דאס פארגאנגענע געשיכטלעכע יידישע לעבן איז וואַך און לעבעדיק ביי אים. מיט דעם זעלבן מיטגעפיל, ליבע און באַהאַרצטקייט שטעלט ער אויף תקופות און געשעענישן פון אַמאָליקער יידישער געשיכטע. און ער זינדיקט שטאַרק קעגן דער געשיכטע, ער בינדט צונויף נישט גאר פּינקטלעך עקן און וויסן. ער ווערט גע־

טריבן צופיל פון מעלאָדראמאטישע מאמענטן. ווייל דאָס זענען נישט בלויז רעסטאַווירירטע אַלטערטימלעכקייטן, טרוקענע באַשרייבונגען פון געשיכטלעכע פאקטן, נאר אויפגעלעבטע לע־בנס, מיט א צאַפּעלדיקן, פּילפאַרביקן געשפּיל פון לעבנס־גע־שעענישן און אויפגעוואַכטע געשטאלטן.

אַשס לעצטע געשיכטלעכע ווערק שיידן זיך שטארק אָפּ פון די פריערדיקע (אמנון און תמר, יפתחס טאָכטער, שבתאי צבי), וואו עס איז געווען מער סכעמע, מער געדאנקען־גאנג, מער דיאַלאָגיזירטע דיכטונג, ווי ברייט־פארצווייגטע האַנדלונג, ווי אמתע לעבעדיקע געשטאלטן מיט א מאסע, מיט געשעענישן, מיט אַן אַרומיקער סביבה...

און זיין פארוועבט זיין אין געשיכטלעכע ווייטן שטערט נישט אשן צו זיין געזעלשאפטלעך, צו פילן שטענדיק און אָן אויפהער דעם לעבעדיקן דופק פון לעבן. אש איז דער געזעל־שאפטלעכסטער צווישן אונזערע שרייבער. קיין איין וויכטיקע געשעעניש פון די לעצטע יאָרן אויף ביידע זייטן פון אָקעאן איז נישט אדורך, וואו ער זאל זיך נישט פילן געבונדן און וואו ער זאָל נישט ווירקן און ווערן באווירקט. אויף די וויכ־טיקסטע פאסירונגען אין לעבן האט שלום אש באזונדערס רעא־גירט מיט שטארקע מאַניפעסטן־אַרטיקלען, וואָס שטעלן אַשן צווישן די באַגייסטערטע יידישע פּובליציסטן. זיינס אַן אַרטיקל איז שטענדיק געשריבן מיט האַרץ, מיט פארנעם, אויף דער העכסטער אָקטאַווע און ער רירט אפילו שטיינער.

און עס איז שווער צו זאָגן, צי עס רירט אים מער סאָציאלער אָדער נאַציאָנאלער אומרעכט. אין זיינע ווערק מישן זיך שטארק די צוויי עלעמענטן, — דער סאָציאלער און נאַצי־אָנאלער. אין „מאָטקע גנב", „אָנקעל מאָזעס", „גאָט פון נקמה" איז ער מער סאָציאלער דיכטער, אין די איבעריקע — מער נאַציאָנאלער. ער איז בכלל מער געטריבן פון נאַציאָנאלן פאטאָס, פון נאַציאָנאלע פריידן און ליידן. דאָ איז ער מער ביי זיך אין דער היים, אין דער אייגענער אטמאָספערע.

ווייל בכלל זעט שלום אַש פריער דעם כלל און דערהויפּט דעם יידישן כלל. ער זעט קודם־כל געשעענישן, פּאסירונגען, באַוועגונגען און ערשט דערנאָך שיילט זיך פאר אים אויס דער מענטש, דער יחיד, דער אינדיווידואום. און דעריבער גיט אַש שטענדיק מער קאָלעקטיווע באַגייסטערונג, פּאראלגעמיינע איבער־לעבונגען און וויניקער — אינדיווידועלע קנייטשן, פּערזענלעכע איבערלעבענישן. אויך אשס איינצעלנער מענטש איז מער אלגע־מיינער טיפּ, פאָרשטייער פון אַ שיכט, פון אַ גרופּע, פון אַ קלאַס. אזוי איז ביי אים הן בנוגע די אלטע טיפּן, און אזוי אויך בנוגע צו יונגע טיפּן. ווייל אַשן איז פרעמד דאס גריבלען זיך אין דעם איין מענטשנס נשמה, דאס שטענדיקע פּיקן אין איין פּינטל. ער איז צו־באוועגלעך דערצו, צו אימפּעטפול, צו האסטיק און ראשיק.

זיין שרייבן בכלל מאַכט דעם איינדרוק, נישט ווי ער וואלט פאַמעלעך אָנגעלאָדן זיין דיכטערישע שיף, און קלויבט זאָרגזאַם און ברענגט און פירט־אריין אין די קעמערלעך פון הערק שטאָף און מאטעריאַל. פאַרקערט: ער דערנענטערט זיך מיט זיין פול־אָנגעלאָדענער שיף צו אַ ברעג, פאראנקערט זיך אויף אַ צייט און האַלט אין איין אויסלאָדן דאס איבער־געפולטע, וואָס איז אין אים. און דער דראַנג, וואס גיכער זיך צו באפרייען זיך פון דער משא, איז ביי אים גרויס, און ער ארבעט טאַקי אויף אַלע כלים אראָפּצוּוואַרפן פון זיך די לאַסט. און נישט אלע מאל איז ער אזוי שטאַרק אויסגערעכנט און באַרעכנט. ווייל שוין גלוסט זיך אים ווידעראמאָל אַוועק אין די ברייטע וואַסערן פון לעבן און פאַנטאזיע, און אויפסניי אָנפולן זיינע קאמערן און קעמערלעך... און דער זעגל איז שוין פאַנאַנדער־געוויקלט און ער רייסט ווידער אין וועג...

און אט ווערט אַש פאַרפאַלן אויף עטליכע חדשים פון אונז, און מיר זענען זיכער, אז ווידער וועט ער קומען, פול אנגעלאדן מיט עפּעס נייעס, אינטערעסאַנטעס, אומערוואַרטעטעס...

מען זאגט: שלום אַש איז פאַרבליבן מיט זיין „קאָנסקע וואליע“. ס׳איז אָבער דורכאויס פאלש. אַש האט געגעבן די נייע יידישע שטאט אין אייראָפּע און אין אמעריקע. מיט די אַלע חסרונות, וואס „מערי“, „דער וועג צו זיך“, „מאָטקע גנב“, „אָנקעל מאָזעס“ און „די מוטער“ פאַרמאגן אַלס גאנצע ראָ־מאַנען, האבן מיר אין זיי גלענצנדע שילדערונגען פון דעם איצטיקן יידישן לעבן אין דער גרויסער שטאָט, וואס קיינער פון די יידישע שרייבעס האט אַזעלכע נישט געגעבן ביז אַשן — און נישט נאָר שילדערונגען. שלום אַש ברענגט אונז פיל נייע יידישע טיפּן, וואס טרעטן־אויף אין דער יידישער ליטעראַטור צום ערשטן מאָל. און נישט נאר טיפּן. מיר האָבן פאַר זיך צו־ערשט אין דער יידישער ליטעראַטור אמתע ווירקלעכע שטעט און טייכן און לאנדשאַפטן, וואס ביז אַשן האבן מיר וועגן זיי אין דער יידישער ליטעראטור נישט געוואוסט.

ביז אַשן האבן מיר געהאט ביי אונז אין דער ליטעראטור אַ שטעטל, אַ שטאָט, א טייכל, — אַ שם־כּולל פאר יעדער שטאָט און יעדן טייך. עס איז געווען אַ מין משל פאר אַ נמשל. מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ האָבן אונז געגעבן אלגעמיינע נעמען פון שטעט און טייכן און לאנדשאפטן. עס זענען געווען אלגעמיינע באגריפן, אָן וואָסערע ס׳איז אייגנטימלעכע, אייגענע אייגנשאַפטן: יעהופּעץ און קרייז־שטאט. און דאס גאָר. ס׳איז געווען דער עיקר דער סימבאָל פון אַ נייעם קאָכעדיקן צענטער, וואו דער קליינשטעטלדיקער טיפּ איז אריינגעפאלן און זיך געפילט שלעכט, איבעריק און פרעמד. און די שטאָט וואלט געקאנט זיין קיעוו און אדעס און ווארשע און מאָסקווע און פעטערבורג. דער שרייבער איז צוזאמען מיט זיין געשילדערטן טיפּ נשתומם און פארטומלט געוואָרן אין דעם שטאָטישן גערויש, וועלכן ער האט נאך נישט תופס זיין. ס׳איז געווען דער געפיל, ווי די ניי־אויפגעקומענע שטאָט האט זיך גענומען אַתּל צו מאכן פונם אמתן יידישן לעבנס־שטייגער און צעשטערט און צעמאָלט דעם יידישן מענטש.

און דעריבער האט דער שטאָט, וואָס איז געווען געמאָלט דורך
די פריערדיקע יידישע שרייבער, געפעלט נוסח און כאַראַקטער
און סטיל. און זעט: דווקא דער „קליינשטעטלדיקער" שלום אַש
האט דער ערשטער כמעט אָנגעהויבן צו פילן זיך, זיך און זיינע
טיפן, אין דער נייער גרויסשטאָטישער אַטמאָספער אָרגאַניש און
נאַטירלעך. ער גיט אונז אין זיינע נאָוועלן און ראָמאַנען אמתע,
ווירקלעכע שטעט: וואַרשע, קראָקע, פעטערבורג, ירושלים, ניו=
יאָרק, פאריז, ווילנע. און אויך האט ער דער ערשטער געזען,
געפילט און געשילדערט די אמתע ווייסל. ער איז אויף איר
דערצויגן געווארן, זי האָט גערעדט צו זיין האַרץ און צו זיינע
געפילן. זי איז אין זיינע שילדערונגען נישט סתם אַ טייך, נאר
ז יי ן טייך, מיט אייגענע קאָלירן און פאַרבן, מיט אייגענעם
כאַראַקטער און אויסזען. און ס'איז גאָר קיין קלייניקייט נישט.
אַזוי לאנג האָט מען געלעבט אין געשיכטלעך=ווייטע רוימען,
אַזוי פיל האָט מען זיך געשפּייזט פון קינדווייז אָן מיט דעם
א ט אָ ל, מיט דעם אויסגעחלומטן דורך דעם חומש „ירדן" און
„הר=הכּרמל" און „עיר הומיה", אַז מען האָט אויפגעהערט צו
זען דאס נאָענטע, קאָנקרעטע, ממשותדיקע. אַש האָט אַמאָל אין
אַ פּאָלעמישן אַרטיקל בדרך=אגב גערעדט וועגן זיין שטארקן צו=
בונד צו די ארומיקע גאַסן און מויערן פון אַ ווארשע און קראָקע
און זיך געשטיצט אויף דורי=דורות לעבן אין זייערע מויערן.
אַש האט אויפגעהערט צו פילן זיך ווי אַ זייטיקער, פרעמדער,
איזאָלירטער אין דער נייער גרויסער שטאָט. און הן זיין פשוטן
פאָלקס=מענטש און הן זיין ראַפינירטן אינטעליגענט האט אַש
געזען און געשילדערט אין קאָנקרעטע אַלגעמיין=וועלטלעכע לעבנס=
פאָרמען און לעבעדיקער סביבה.

און דאס באַטייט, אז אַש האט פארמאָגט אַ נייעם צוגאַנג
צום אַרומיקן לעבן. עס איז אַ נייער אַרט אויפפאַסן און אויפ=
נעמען די ארומיקע ווירקלעכקייט. און מיט זיין גאנצער סימ=
פּאַטיע צום ציוניזם, וואָס ער ווייזט ארויס פון צייט צו צייט,

איז שלום אַש דאָך איינער פון די שטארקסטע „מחייבי־הגלות"
צווישן די יידישע קינסטלער.

---

שלום אַש איז דער סאמע פּראָדוקטיווסטער, פארצווייגטער און פארשיידנארטיקער יידישער שרייבער.

ער איז נישט קאָנצענטרירט אין איין פונקט, נישט געווענדט אין איין ריכטונג. ער איז שטענדיק וואַך און אויפגערעגט, שטענדיק פארכאַפּט פון אן אנדער טעמע, פון אן אנדער פּראָבלעם, פון אן אנדער לעבנס־וועלט. ער איז דורך און דורך אַ קינסטלער. פון אלץ ארום שאפט ער און זוכט שטאָף פאַר זיין שאפן. אויף יעדער נייער טעמע ווארפט ער זיך מיט ערשטער ליידנשאפט, איז שטאַרק אנטציקט פון איר און גיט זיך איר איבער מיט יוגנט־אימפּעט.

און אלץ איינס, פון וואנעט ער שעפּט דעם שטאָף צום שאפן: פון ווירקלעכקייט, צי פון נאענטער פארגאנגענהייט, פון מיטלאלטער אדער גאר פון ביבלישע מאטיוון. ער קאָן זיך זאט נישט אנזעטן מיט זיין שאַפן. אט האַלט ער נאך אין מיטן שפּינען איין ווערק, און אַ צווייטע וועלט — פון ווירקלעכקייט אדער פון טרוים—ציט אים שוין צו, און די אויפרעגונג וואקסט און מיט איר—די בענקשאַפט, די לעכצעניש צו דעם נייעם דיכטערישן שטאָף. און האָט ער די טעמע, דעם שטאָף—פאַלט ער אָן אויף דעם ווי אַ רוביה, מיט נעגל, מיט דורשטיקייט און מיט ווילדן אימפּעט. אין פּראצעס פון שרייבן אנטפּלעקט זיך ערשט זיין בארמהאַרציקייט, זיין פּאטאָס און בילדערישקייט, דער גאנצער קוואל פון ליבע און חנעוודיקייט. עס קומט די ראָמאנטישקייט, וואס באשיינט און באחנט די אלע מעשים און פאסירונגען, מענטשן און בילדער פון דער געגעבענער תקופה אדער געשעעניש. און פון די גע־דיכטענישן פון זיין אימפּעט, פון די „דונערן און בליצן" וואס בארעשן אים אליין, — הויבט זיך אָן פאַנאנדערוויקלען א שיינע באהארציקע וועלט, פול מיט האַרמאניע און לעבנס־לוסט, פול

מיט צארטער ליבע און אינעווייניקסטער אנטציקונג.

אפשטמאָל קאן זיך אויסווייזן, אז שלום אַש גייט אויף זיבן וועגן, — אזוי פארשיידנארטיק זענען זיינע שאַפונגען. אפשטמאָל קאן מען מיינען, אז אש איז דורכאויס פארכאפט פון פרעמדע, אויסנווייניקסטע איינדרוקן און ווירקונגען, — אזוי גרויס איז דער מהלך פון איין ווערק צום צווייטן. אין אמתן אבער ווערט אש געטריבן פון איין קראַפט, פון טיפן אינעווייניקסטן ווילן צו שאפן, פון ווילן ארויסצואַנטפלעקן פון לעבנס־חלל, פון געשיכטע־חלל לעבעדיקע געשעענישן. ער באהעפט זיך צו אַ תקופה, צום קנויל פון אירע פאסירונגען, דרינגט אריין אין איר תוך, אין איר אינהאלט און גלייך באהערשט ער זי. זיין אינעווייניקסטע אינטואיציע און דיכטעריש ווען איז כמעט שטענדיק שטארקער, ווי דער שטאָף, ווי דער רויער מאטעריאַל. גלייך שטראָמט־אָן אויף דער געשעעניש, אויף דעם געשטאלט זיין אינעווייניקסטער חיות, פארפלייצט די צונויפגעקליבענע ליים און ציגל און טראגט זיי אפּ מיט זיין אימפעט־שטראָם. זיי פארלירן די אייגנשאפטן פון זייער באָדן, פון זייער שטאַם, און זיי באקומען די שטריכן און אייגנשאַפטן פון אשס ווען. אזוי זענען אשס רעאליסטישע סקיצן און נאוועלן, אזוי זענען אשס ביבלישע דראמען, אזוי אויך זענען די היסטארישע ראָמאנען.

דער אנהויב־וועג ציט זיך פון ווירקלעכקייט, פון רעאלע פאקטן און פאסירונגען, דערנאך רוט שוין אויף זיי אשס ראָמאנטישער הויך, זיין באגייסטערטער פאטאס און ליבע...

אָט די שטארקע עמפינדלעכקייט, אָט די שטענדיקע גרייט־קייט געווירקט צו ווערן האט אין באשטימטע פעריאָדן ביי שלום אַשן געהאט אירע שלעכטע זייטן. די עמפינדלעכקייט האט טאקע פארברייטערט אשס קינסטלערישע האריזאנטן, ארויפגעצויגן אים פון דעם ענגן ד' אמותדיקן אינטערעסן־קרייז, געטריבן אים אין פאַרשיידענע עקן וועלט, געשטעלט אים פנים אל פנים מיט פארשיידענע פראבלעמען, סיטואציעס און טעמעס. אבער פון דער צווייטער זייט — נישט געגעבן אשן די מעגלעכקייט צו קאנ־צענטרירן זיך אויף איין פונקט, צו שעפּן פון איין קוואל. אפּש־מאָל איז שלום אַש געשטויסן געוועזן פון איינדרוקן און וויר־

קונגען פון דער פרעמד. זיי האָבן אים פארכאפט, איידער ס'איז געקומען די פארקערפערונג, די פארגעשטאלטונג. אין א גאנצע ריי ווערק הערשט מער די אידעע, דאס פראָבלעם, און די טיפן, די געשטאלטן זענען נישט קלאָרע, נישט אינגאנצן אויסגעטראגן. אין „מיטן שטראָם", „משיחס צייטן" „שבתי צבי", און אין א געוויסער מאס אויך אין „גאָט פון נקמה", „מערי", „דער וועג צו זיך" זענען דער עיקר די נאקעטע אידעען, וואס זענען געווען אויפגעכאפט פון ארומיקן ברויזנדיקן לעבן. און די אידעען און פראָבלעמען זענען נאך נישט באוואקסן געוואָרן אינגאנצן מיט קאנקרעטע ווירקלעכע שטריכן, מיט בלוט און פלייש פון לעבע־דיקע מענטשן, די ווערק זענען טאקע צו אבסטראקט: ס'הערשט אין זיי די אידעע, דער געדאנק, דער ספור־המעשה.

אבער לסוף האָט אש פיל גובר געווען די אויסערלעכע, אויסנווייניקסטע איינדרוקן און השפעות. ווי אין די צייטן פון זיין „שטעטל" „ר' שלמה נגיד" און פון זיינע נאוועלן פון שטעטל, אזוי קומט ער אויך איצט אין זיינע גרויסע דערציילונגען פון יידישן לעבן אין אמעריקע פון דער עצם־ווירקלעכקייט, ער ברענגט ארויס לעבעדיקע רעאלע מענטשן, וואס דערהויבן זיך אפטמאָל צו אמתע טיפן, פאָרשטייער פון זייער צייט, פאָרשטייער פון שטאנדן און געוויסע תקופות אין לעבן.

און אינטערעסאנט זענען אשס לעצטע היסטארישע ראָ־מאנען. ער איז צוגעפאלן צו די רייכטימער פון דער יידישער הערוֹאישער געשיכטע, צוגעפאַלן צו זיי מיט לייב און לעבן. דאס זענען נישט בלויז פון אויסן־געקומענע אידעען און פראָ־בלעמען. נאר פון טיפע־טיפענישן ארויסגעקוועלטע חיות און שפע, דא האָט זיך פונפניי צעפלאקערט אשס באגייסטערטע, קינסטלערישע אינטואיציע. „קידוש־השם", „כישופמאכערין פון קאסטיליען", „די מאראַנען" — ווידער אמאָל האבן מיר פאַר זיך אשס ראָמאנ־טיזם, אשס דיכטערישע באגייסטערטער נשמה. שלום אש האָט לעבעדיק געמאכט גאנצע פארגעסענע לעבנס־תקופות פון אונזער

פארגאנגענהייט, ער האט זיי אויפגעלעבט אין א נייעם יום־טוב־דיקן אויסזען.

אמאָל האט ער באשיינט און באחנט דאס וואָר־ווירקלעכע יידיש שטעטל, איצט האט ער באשיינט און באחנט פאַרגאַנגענע געשיכטלעכע לעבנס־תקופות.

---

אויך איז אינטערעסאַנט פאר אַשס דיכטערישן וועג זיין ראמאַן „די מוטער". עטלעכע יאָר איז אש געווען ווי פארליבט, פאַרקאָכט אין דעם ווערק. ער האט אַריינגעלעגט אין אים שטיקער פון זיין נשמה און געוואָלט זען אין אים דעם קרוין פון זיין שאַפן.

„די מוטער" איז געשריבן אין א באהארציקסטן פאלקס־טימלעכן טאָן. אש אליין האָט געזאָגט, אז ער וויל דא זיין א צווייטער דיגעזאן. אזוי ווייכהאַרציק און סענטימענטאל. און באמת: שוין אין די ערשטע זייטלעך פילן מיר, ווי דער קינסטלער לעבט־מיט מיט די געשילדערטע מענטשן. שלום אש שרעקט זיך נישט פאר סענטימענטאלקייט. ער נעמט־אויף דאס פשוטע לעבן פון די פראָסטע יידן און יידענעס מיטן פולן הארצן, וויל נישט באהאַלטן זיין צערטלעכקייט, פיעטעט און ליבע בנוגע די אלע קליינע קלייניגקייטן פון זיינע מענטשן, ער איראניזירט נישט איבער זיי, ער פארלירט אפטמאל זיין קינסטלערישע מאס און ווערט פארכלינעט פון מיטגעפיל. די טיפן פילן זיך דערי־בער גאַנץ גוט, זיי „פיעטשען" זיך פאר אשן, עס רוט א וואַרעמע הויך איבער די געשילדערטע מענטשן, איבער זייער סביבה. די אלע קאפיטלעך פון דער אלטער היים, פון שטעטל זענען באַגאָסן מיט דער אויפריכטיקן ראָמאנטישן, יוגנט־לעכן שיין, מיט וועלכן עס איז באגאָסן די ליכטיקע זייט־לעך פון אשס אמאליק שטעטל, מיט דעם אונטערשייד, וואס דארט איז געווען מער לירישע דיכטונג, און דא איז מער רעאלע אויפפאסונג.

און אגב — א נייער אומגעריכטער, מערקווירדיקער צוגאב: די ערשטע שטראַלנדיגע יוגנט־אימפּולסן, די ערשטע וועלטלעכע שטרעבונגען פון די שטעטלדיקע יונגע־לייט ווערן ביי אַש באַגלייט מיט פּרצס ווערק, מיט פּרצס ביכלעך, מיט זיין „באַנצע שווייג“ און „שטריימל“. די „תורה שבכתב“ ווערט א „תורה שבעל־פה“: די פאַרקערפּערונג פון דיכטונג אין לעבן, די צאַפּלדיקע השפעה פון דער יידישער ליטעראַטור אויף יונגע הערצער און געמיטער.

„די מוטער“ איז נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן. איבערהויפּט אין דריטן טייל ווערט דער ראָמאַן אריינגעצויגן אין א נייעם טעמפּ, אין א נייעם טאָן, וואס איז אנדערש און פאַרשיידן מיטן כאַראַקטער און הויפּט־אידעע פון די ערשטע טיילן פון „די מוטער“. אבער דער ראָמאַן איז דאך פון די באַהאַרציקסטע, יידישיסטע ביכער אין דער יידישער ליטעראַטור, און שרה — רבקה — די אַלטע יידישע מוטער — וועט פאַרבלייבן לעבן ביי אונז ווי א הערלעכע, וואונדערבאַרע געשטאַלט ווי שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער“.

---

### IV

צו דעם חוט־המשולש פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, צו די דריי קלאַסיקער פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן — מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ — קען מען שוין איצט אָן קיין ספק צוגעבן אַ פערטן שלום אַש.

ווי יעדער איינער פון די דריי קומט אויך שלום־אַש פון אונזער עצם־לעבן, נעמט ארום ברייטע שטחים, ווייטע שטרעקעס אין אונזער פאָלקס־שאַפן, און מיט זיין קינסטלערישע ווערזן שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ גאַנצן, פאַרענדיקטן יש. פּונקט ווי די נעמען מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ סימבאָליזירן פאַר אונז אַ שטיק פון אונזער נייער קולטור, פון אונזער נייעם

מאָדערנעם שאפן, אזוי אויך באטייט דער נאמען שלום-אַש אַ שטיק פון אונזער נייער שאפנדיקער געשיכטע.

פאַראן אָבער אַ טיפער אונטערשייד צווישן די ערשטע דריי און שלום אַש. אין אט דעם אונטערשייד ליגט דער צייכן פון דער צייט, און אט דער אונטערשייד כאַראקטעריזירט אשס קינסטלעריש וועזן, זיינע מעלות און חסרונות.

די ערשטע דריי — נישט געקוקט אויף דער פארשיידנ-ארטיקייט פון זייער אַרט-שאפן, — שלאגן זיך דורך אַ וועג צו דער ליטעראטור אָן פרעמדע וועג-ווייזער, אָן פרעמדע וועג-צייכנס. זיי רייסן זיך ווי פון געדיכטן פארוואַקסענעם וואלד אַרויס, שלאָגן פון פאַרלאָזטע, פארשטאָפּטע קוואלן. זיי זענען פארוועבט און געבונדן אין דעם אייגנארטיקן לעבנס-שטייגער. אין זייער לעבן און דענקען זענען זיי געווען תלמידי-חכמים, זיי האבן גע-שטעקט אין געדיכטעניש פון דורות, ספרים, קאָנאָ-ניזירטע באגריפן און פארשטעלונגען, וואס דאָס פאלק האט אין זיין אָפגעזונדערט לעבן געשאַפן. פארוואָרצלט איז דער שטאם פון די ערשטע דריי מאדערנע קינסטלער אין דער ריין-יידישער ערד, און זייער שאפן איז פריער פון אלץ און דער עיקר דער וועג פון זיך, דער וועג פונם יידיש וועלטל אין דער גרויסער אויפגעעפנטער און אפענער וועלט. און ווי זיי האָבן זיך נישט געריסן, זענען זיי דאך געבליבן שטעקן אינגאַנצן אין דעם יידישן תחום, מיטן אינהאַלט און נאך מער מיט דער פאָרם. מענדעלע, שלום-עליכם און פרץ זענען פארבליבן גאנצע, פאר-ענדיקטע פיגורן, ווי פון איין שטיין אויסגעהאַקט. זיי זענען צו-נויפגעוועבט מיט דער תקופה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, מיט דער אַרומיקער סביבה, פון וועלכער זיי זענען ארויסגע-וואקסן. זייער שאפן פונם אָנהויב ביזן סוף איז לויט דער גע-שטאלט און פארם פון זיי גופא, פון דעם נוסח און שטייגער פון יידישן לעבן. זיי האָבן מיט זייער פערזענלעכקייט גובר געווען דעם אויסערלעכן קינסטלערישן שטאָף, געמאכט אים פאר אַ טפל. דער עיקר איז געווען די יידישע מיליע, די יידישע

ווירקלעכקייט, דער נאַציאָנאַלער עלעמענט, די ירושה פון דורות, די יידישקייט מיט אירע ליכט און שאָטן.

און דאס נייע, אומגעריכטע ביי שלום אַשן לגבי די דריי ערשטע יידישע גרויסע שרייבער, מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, איז, וואס ער איז נישט פאַרבונדן ווי זיי דורכאויס מיט דער אַלטער, פעסט־געבויטער יידישקייט, מיט די ד׳ אמות בלויז פון יידישן לעבן. ער איז שוין נישט ווי זיי אזוי שטארק פאַר־וואקסן אין געדיכטן וואַלד פון ספרים, מנהגים, נוסחאות, רגילותן, — ער האט שוין געזען די וועלט און מענטשן מיט מער־וועלט־לעכערע אויגן, און די פאָרמען און מעטאָדן פון שילדערן און אויפפאסן דאס געזעענע און געהערטע, איז שוין אויך ביי אים מער וועלטלעכער. שלום אַשן איז גרינגער אָנגעקומען דאס באהעפטן זיך מיט וועלטלעכע פראָבלעמען און אידעען. און אויב ביי מענדעלע, שלום עליכם און פרץ איז געווען איין פראָבלעם, איין לעבנס־אויפפאַסונג, איין אַטמאָספער, האט זיך שלום אַש געוואָרפן פון איין פראָבלעם צום צווייטן, פון איין אטמאָספער צו דער אַנדערער, און דאס איז אייגנטלעך שלום אַשס מעלה און אויך זיין חסרון. דעריבער טאקע טרעפן מיר ביי אשן פראָבלעמען, וואס שטאמען נישט פון זיין עצם איך, זיי זענען נישט דורך און דורך אויסגעווייטיקט און אויסגעטראָגן אַליין דורך אים. זיי זענען שוין דורך אים איינגעזאַפּט פון לעבן, ער האט זיי דערשפּירט ווי אַ קינסטלער, זיי אויפגענומען און באַשטראַלט מיט זיין דיכטערישן חיות. עס זענען דער עיקר צייט־מאָטיוון, צייט־שטימונגען, וואס קומען פון אויסן, פון ליטעראטור און לעבנס־השפעות.

שלום אַש איז דער ערשטער גרויסער יידישער שרייבער, וואס האט די ירושה פון דורות נישט געפילט אויף זיך ווי אן עול. פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט איז ער געקומען אלס קינסטלער מיט אן אָפן האַרץ, אויג און אויער און מיט דער פולער מעגלעכקייט צו פילן, אויפנעמען און רעאַליזירן וועלטלעכע פאָרמען. די טעמע, דער שטאָף איז ביי אים נישט

בלויז פון קולטור־היסטארישן אדער סאציאל־שטייגערישן כאראק־
טער. ער איז נישט דורכאויס פארצוימט אין די ד׳ אמות פון
יידישער וואָר־ווירקלעכקייט. זיין שאפן האט אין זיך מער ביל־
דערישע, מער קינסטלערישע עלעמענטן. צו די לעבנס־
געשעענישן און לעבנס־פראבלעמען פון איצט און אַמאָל איז ער
צוגעטראטן מעשה־קינסטלער, מיט קינסטלערישע קאָמבי־
נאציעס, פון וועלטלעכע פאָרמען און מעטאדן. זיין נשמה איז
נישט אזוי פארשפינט און פארוועבט אין נעצן פון אלטער
יידישקייט, און מהאי טעמא האט ער אריינטראגן אומעטום
שטיקער פון אייגענעם קינסטלערישן ווען. ער איז אפטמאָל גע־
קומען צו וועלט־פראבלעמען, וואָס זענען נישט געווען אינגאַנצן
פון זיין עצם, נישט געהען דורך און דורך אויסגעטראָגן און
אויסגעווייטיקט אין אייגענעם האַרץ און נשמה. ער האָט מיט
זיין וואַך הארץ אויפגענומען פראבלעמען, וואָס האָבן געלעבט
און געשוועבט אין ארומיקן לעבן. ווי א קינסטלער האט ער זיי
דערשפירט און באשטראלט דערנאָך מיט זיי ןזוניקן שאפן.

שלום אַש האָט גענומען שאַפן אין א צייט, ווען דאס יידישע
לעבן איז שוין נישט געווען אינגאַנצן פארשלאָסן אין זיך, און
ער אליין, לויט זיין כאַראַקטער איז אויך מער מסוגל געווען
ווי די פריערדיקע יידישע שרייבער אונטערצוּוואַרפן זיך אונטער
דער השפעה פון זייטיקע, אויסערלעכע כחות. אזוי ארום איז ער
געווען דער ערשטער אין אונזער יידישער ליטעראַטור, וואָס
האט אָנגענומען פעסטגעשטעלטע אייראָפעאישע ליטעראַרישע
פאָרמען. און נישט אומזיסט איז ער געוואָרן מפורסם און באַליבט
ביי נישט־יידן און אויך ביי יידן, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן
אויף פרעמדע ליטעראטורן, — ער איז ווייניקער יידישלעך
געווען און מער־וועלטלעך פאר אונזערע ערשטע דריי
קלאַסיקער.

פאַר אַשן איז שוין דאָס יידישע לעבן, די יידישע וויר־
קלעכקייט נישט בלויז איין כלל, ער זעט שוין איינצעלנע זייטן,
איינצעלנע ווינקלען אין יידישן לעבן. דאָס יידישע און מענטש־

לעכע, ווענוס און שולמית, שטעטל און שטאָט זענען ביי אים נישט קיין באזונדערע, פאנאנדערגעטיילטע וועלטן, מיט א טיפן תהום אין מיטן. דאָס יידיש לעבן איז פאר אַשן און ביי אַשן שטאַרק פארוועלטלעכט געוואָרן און אין פיל ווערק איז אַש נישט בלויז ייד, יידישער קינסטלער, נאר — מענטש, הומאניסט. נישט אומזיסט האט אַש ארויסגעפירט אין זיינע ווערק פיל טיפן נישט־יידן, אמתע גוים, נישט קיין יידישלעכע גוים, ווי ביי מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ. און אין דעם איז דאָ אַ וויכטיקער צייכן פון דער מאדערנער צייט, אין וועל־כע מיר לעבן; די געטא־ווענט פאלן זיך פאנאַנדער, און מיט זיין גאנצער יידישלעכקייט, איז אש דאך דער ערשטער וועלטלעכסטער שרייבער ביי אונז.

שלום אַש ווערט וואס ווייטער אלץ מער צעצווייגט, פא־נאַנדערגעוואָקסן. זיינע ווערק זענען אלץ וויכטיקע שטאפלען אין אשס וואקסן און שטייגן, און אויך שטאפלען און צייכנס פון אונזער קולטור־שאפן אין דער נייער צייט.

צו די דריי זיילן, אויף וועלכע עס שטייט דער נייער יידיש־ליטעראַרישער קונסט־בנין, איז צוגעקומען א פערטער, פעסטער זייל —

שלום אַש.

1925

B. STEIN
SEATTLE. WN.

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע, לעשנע 36

# אלע ווערק פון שלום-עליכם

אין 28 בענדער    שוין ערשינען 14 בענדער

## 1. באַנד: פון כתרילעווקע

כתרילעווקער פּראָגרעס. — זומעריקע ראָמאַנען. — וואָרט פאַר וואָרט.— לשנה טובה. — פון פסח ביז סוכות. — שמואל שמעלקעס און זיין יובילעום. — וועלוול גאַמבעטאַ. 256 ז.

## 2. באַנד: פון פסח ביז פסח

שיר השירים.—דער מלך מיט דער מלכה. — דריי לוחות.—לאַטקעס של חנוכה.—קאָנקורענטן.—אפיקומן.—דוד מלך ישראל.—וואָס איז חנוכה?— פורים.—ארבע כוסות.—איבער א היטל. 256 ז.

## 3. באַנד: מעשיות און פאַנטאַזיעס

די רויטע יידלעך.—משוגעים.—מעשיות פון טויזנט איין נאַכט.—איינער פון טויזנט. 256 ז.

## 4. באַנד: דראַמאַטישע שריפטן

דער גס. — צעזייט און צעשפּרייט. — א דאָקטאָר.—מענטשן. — דאָס גרויסע געווינס. 256 ז.

## 5. באַנד: גאַנץ טביה דער מילכיקער

קטנתי.—דאָס גרויסע געווינס.—א בוידעם.—היינטיקע קינדער.—האָדל.— חוה.—שפּרינצע.—טביה פאָרט קיין ארץ-ישראל.—לך-לך.—וחלקלקות. 232 ז.

## 6. באַנד: קליינע מענטשעלעך

די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך.—אַן אנגעלייגטער ברית.—נחת פון קינדער.—א פאַרשטערטע חתונה.—נישט פאַר קיין יידן געדאַכט.—דריי-פוס אין כתרילעווקע.—קיין עין-הרע נישט.—אים מעג מען מקנא זיין. — צוויי שלח-מנותן.—נישטאָ קיין מתים.—פאַרבענקט אַהיים.—ווען איך בין רויטשילד.—די יורשים.—די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך.— אויסגעטרייסלט.—די גאָלדשפּינערס.—בערל-אייזיק. 256 ז.